# שלום עליכם

# Идиш с Шолом-Алейхемом

*Метод чтения Ильи Франка*

*Адаптировал Вадим Грушевский*

## Транслитерация еврейского /идиш/ алфавита

| *Буквы* | *Традиционная транскрипция* | *Как русское* |
|---|---|---|
| א | a | а |
| אָ | o | о |
| ב | b | б |
| בֿ | v | в |
| ג | g | г |
| ד | d | д |
| ה | h | выдох |
| ו\וּ | u | у |
| וי | oj | ой |
| וו | v | в |
| ז | z | з |
| זש | ž | ж |
| ח | x | х |
| ט | t | т |
| טש | č | ч |
| י\יִ | i, j | и, й |
| יי | ej | эй |
| ײַ | aj | ай |
| כ\ך | x | х |
| ל | l | л |
| מ\ם | m | м |
| נ\ן | n | н |
| ס | s | с |
| ע | e | э |
| פּ | p | п |
| פֿ\ף | f | ф |
| צ\ץ | c | ц |
| ק | k | к |
| ר | r | р |
| ש | š | ш |
| שׂ | s | с |
| תּ | t | т |
| ת | s | с |

**נחת פֿון קינדער**

**Naxes fun Kinder**

(Родительские радости: «радость от детей»)

**(מאָנאָלאָג)**

**Monolog**

(Монолог)

קיין נגיד, הערט איר, בין איך ניט.

Kejn nogid (никаким богачом), hert ir (слышите вы; *הערן/hern – слушать*), bin ix nit (я не являюсь: «есть я не»; *זײַן/zain – быть; являться*).

ווײַט פֿון אַ נגיד.

Vajt fun a nogid (далеко не богач: «далеко от богача»).

גאָרנישט.

Gorništ (совсем нет).

אַ בעל־הבית מיט אַ דירה אַן אײגענע.

A bal/e/bos mit a dire an ejgene (просто живу в собственном доме: «хозяин с жильём собственным»; *בעל־הבית/bal/e/bos – хозяин; владелец: «хозяин дома»; דירה/dire – жилище; квартира; אײגן/ejgn – собственный; свой*).

כאָטש וואָס האָט מען, משטײנס געזאָגט, בײַ אונדז פֿון אַ דירה?

Xoč vos hot men (хоть и что имеет человек; *האָבן/hobm – иметь; מען/men – безличное местоимение*), mshtejns gezogt (с позволения сказать: «сказано»; *זאָגן/zogn – сказать*), baj unzd fun a dire (у нас от дома = да и что, позвольте спросить, даёт собственный дом)?

מכּות!

Makes (/одни только/ хлопоты; *מכּה/make – ушиб; язва; рана*)!

– נאָר נחת פֿון קינדער, קאָן איך מיך באַרימען, האָב איך, ברוך־השם, מער פֿונעם גרעסטן גבֿיר אין כּסרילעווקע!

– Nor naxes fun kinder (только родительские радости: «радость от детей»; *קינד/kind – ребёнок*), kon ix mix barimen (могу я похвастаться; *קאָנען/konen – мочь; באַרימען זיך/ barimen zix – хвастаться; באַרימען/barimen – хвалить; славить*), hob ix (имею я = у меня есть), borhašem (слава Богу), mer funem grestn gvir in Kasrilevke (больше, чем у самого большого богача в Касриловке; *גרויס/grois – большой; великий; גבֿיר/gvir – богач*)!

בײַ מיר, הערט איר, אַז עס קומט אַ יום־טובֿ און עס קומען זיך צונויף אַלע קינדער, קיין עין־הרע, זין און טעכטער, שניר און איידעמס מיט אַלע אייניקלעך – ווער איז צו מיר גלײַך?

Baj mir (у меня), hert ir (слышите вы), az es kumt a jontev (когда приходит праздник; *קומען/kumen – приходить; יום־טובֿ/jontev – праздник: «день хороший»*) un es kumen zix cunojf ale kinder (и собираются: «приходят вместе» все дети; *צונויף/cunojf – вместе*), kejn ejn-hore (не сглазить бы: «никакого сглаза»), zin un texter (сыновья и дочери; *זון/zun – сын; טאָכטער/toxter – дочь*), šnir un ejdems mit ale ejniklex (невестки и зятья со всеми внуками; *שנור/shnur – невестка; איידעם/ejdem – зять; אייניקל/ejnikl – внук*) – ver iz cu mir glajx (кто со мной может сравниться: «кто мне равен»)?

**קיין נגיד, הערט איר, בין איך ניט. ווײַט פֿון אַ נגיד. גאָרנישט. אַ בעל־הבית מיט אַ דירה אַן אייגענע. כאָטש וואָס האָט מען, משטיינס געזאָגט, בײַ אונדז פֿון אַ דירה? מכּות! – נאָר נחת פֿון קינדער, קאָן גרעסטן גבֿיר אין כסרילעווקע! בײַ מיר, הערט איר, אַז עס קומט איך מיך באַרימען, האָב איך, ברוך־השם, מער פֿונעם גרעסטן גבֿיר אין כתרילעווקע! בײַ מיר, הערט איר, אַז עס קומט אַ יום־טובֿ און עס קומען זיך צונויף אַלע קינדער, קיין עין־הרע, זין און טעכטער, שניר און איידעמס מיט אַלע אייניקלעך – ווער איז צו מיר גלײַך?**

למשל, נעמט פּורים צו דער סעודה.

Lemošl (например), nemt Purim cu der sude (возьмите трапезу в Пурим; *נעמען/nemen – брать; פּורים/Purim – Пурим /еврейский праздник, установленный в память спасения евреев, проживавших на территории Персидской империи, от истребления их Аманом-амаликитянином, любимцем персидского царя Артаксеркса/; סעודה/sude – пир; трапеза*).

**למשל, נעמט פּורים צו דער סעודה.**

וואָס פֿאַר אַ טעם, פֿרעג איך אײַך, האָט אַ סעודה, אַז מע זעצט זיך צום טיש איינער אַליין מיטן ווײַב און מע עסט?

Vos far a tam (что за удовольствие: «вкус»), freg ix ajx (спрашиваю я вас; *פֿרעגן/fregn – спрашивать*), hot a sude (от трапезы: «имеет трапеза»), az me zect zix cum tiš ejner alejn mitn vajb un me est (когда садишься за стол один-одинёшенек с женой и ешь; *מען = מע/me – безличное местоимение; זעצן זיך/zecn zix – садиться; ווײַב/vajb – жена, супруга; עסן/esn – есть, кушать*)?

**וואָס פֿאַר אַ טעם, פֿרעג איך אײַך, האָט אַ סעודה, אַז מע זעצט זיך צום טיש איינער אַליין מיטן ווײַב און מע עסט?**

נו, שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך האָב שוין אָפּגעגעסן די פֿיש מיט דער יויך, לאָקשן, צימעס, דאָס, יענץ – נו וואָס?

Nu (ну), šteln ajx for (представьте себе), az ix hob šojn opgegesn di fiš mit der joix (что я уже съел рыбу с бульоном; *אָפּעסן/opesn, тж. אָפּעסן/ofesn – съесть; פֿיש/fiš – рыба; יויך/joix – бульон; соус*), lokšn (лапшу), cimes (тушёную морковь), dos (это), jenc (то) – nu vos (ну и что)?

בלאָטע שבבלאָטע!

Blote šebeblote (ерунда)!

אַ פֿערד, להבֿדיל, עסט אויך.

A ferd (лошадь), lehavdl (простите за сравнение: «в отличие»), est ojx (тоже ест).

אַ מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פֿערד.

A menč iz dox ober ništ kejn ferd (человек /есть/ же никакая не лошадь = человек же не лошадь).

ובפֿרט אַ ייִד.

Ubifrat a jid (а тем более: «особенно» еврей; *ייִד/jid – еврей; человек*).

ובפּרט יום־טובֿ.

Ubifrat jontev (а тем более /в/ праздник).

ובפּרט אַזאַ יום־טוב, ווי פּורים צו דער סעודה!

Ubifrat aza jontev (а тем более в такой праздник), vi Purim cu der sude (как Пурим с его трапезой)!

**נו, שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך האָב שוין אָפּגעגעסן די פֿיש מיט דער יויך, לאָקשן, צימעס, דאָס, יענץ – נו וואָס? בלאָטע שבבלאָטע! אַ פּערד, להבֿדיל, עסט אויך. אַ מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פֿערד. ובפּרט אַ ייִד. ובפּרט יום־טובֿ. ובפּרט אַזאַ יום־טוב, ווי פּורים צו דער סעודה!**

קודם כּל – די קינדער, קיין עין־הרע.

Kojdemkol (прежде всего) – di kinder (дети), kejn ejn-hore (чтоб не сглазить).

**קודם כּל – די קינדער, קיין עין־הרע.**

אַכט האָב איך, זאָלן געזונט זײַן, אַלע אויסגעגעבענע.

Axt hob ix (восьмеро у меня: «имею я»), zoln gezunt zajn (дай Бог им здоровья: «должны здоровы быть»), ale ojsgegebene (все устроены: «выданы замуж/женаты»; *אויסגעגעבן/ojsgegebm – выданная замуж; женатый; אויסגעבן/ojsgebm – женить; выдавать замуж*).

(געווען צוועלף – פֿיר זענען, די צו לענגערע יאָר, אַוועקגעגאַנגען).

(Geven cvelf (было двенадцать) – fir zenen (четверо /есть/), di cu lengere jor (/оставшимся/ многие лета: «годы»), avekgegangen (отошли /в мир иной/; *אַוועקגיין/avekgejn – уходить; отходить; умирать; אַוועק/avek – прочь*)).

האַלב זענען זין, האַלב זענען טעכטער; פֿיר אײדעמס און פֿיר שניר; האָט איר שוין, קיין עין־הרע, אַ קײַמאַ־לן פֿון זעכצן.

Halb zenen zin (половина /есть/ сыновья), halb zenen texter (половина – дочери); fir ejdems un fir šnir (четыре зятя и четыре невестки); hot ir šojn (вот

и есть у вас: «имеете вы уже»), kejn ejn-hore (чтоб не сглазить), a kajme-lon fun (ни много, ни мало) zexcn (шестнадцать).

**אַכט האָב איך, זאָלן געזונט זײַן, אַלע אויסגעגעבענע.** (געווען צוועלף – פֿיר זענען, די צו לענגערע יאָר, אַוועקגעגאַנגען)**. האַלב זענען זין, האַלב זענען טעכטער; פֿיר איידעמס און פֿיר שניר; האָט איר שוין, קיין עין־הרע, אַ קײַמא־לן פֿון זעכצן.**

הײַנט, אייניקלעך, לעבן זאָלן זיי!

Hajnt (а), ejniklex (внуки), lebm zoln zej (дай Бог им долгой жизни: «жить должны они»)!

**הײַנט, אייניקלעך, לעבן זאָלן זיי!**

נישט צו פֿאַרזינדיקן.

Ništ cu farzindikn (не на что жаловаться: «непогрешимо»).

וואָרום אַלע טעכטער און אַלע שניר קינדלען, אַלע יאָר; בײַ וועמען ס'איז פֿאַראַן עלף, בײַ וועמען נײַן, בײַ וועמען זיבן.

Vorum ale texter un ale šnir kindlen (поскольку все дочери и все невестки рожают), ale jor (каждый год: «все года»); baj vemen s'iz faran elf (у кого /есть/ одиннадцать; *פֿאַראַן/faran – есть, имеется*), baj vemen najn (у кого – девять), baj vemen zibm (у кого семь).

קיין עקרות, אַזעלכע, הייסט דאָס, וואָס זאָלן חלילה נישט האָבן גאָר נישט, איז בײַ מיר נישט פֿאַראַן.

Kejn akores (ни одной бесплодной: «никаких бездетных»; *עקרה/akore – бездетная*), azelxe (такой), heist dos (значит: «называется это»), vos zoln xolile ništ hobm gor ništ (что, упаси Бог, не имела бы совсем /детей/; *חלילה/xolile – не дай Бог*), iz baj mir ništ faran (у меня нет).

**נישט צו פֿאַרזינדיקן. וואָרום אַלע טעכטער און אַלע שניר קינדלען, אַלע יאָר; בײַ וועמען ס'איז פֿאַראַן עלף, בײַ וועמען נײַן, בײַ וועמען זיבן. קיין עקרות, אַזעלכע, הייסט דאָס, וואָס זאָלן חלילה נישט האָבן גאָר נישט, איז בײַ מיר נישט פֿאַראַן.**

נאָר מיט איין זון, מיטן מיטלסטן, האָב איך געהאַט אַ ביסל צו טאָן: מײַן שנור האָט אַ צײַט קיין קינדער נישט געהאַט.

Nor mit ejn zun (только с одним сыном), mitn mitlstn (со средним), hob ix gehat a bisl cu ton (было у меня немного /хлопот: «делать»/; *אַ ביסל/ a bisl – немного; ביסל/bisl – кусочек; немного*): majn šnur hot a cajt kejn kinder ništ gehat (у моей невестки некоторое время детей не было).

נישטאָ און נישטאָ – און גענוג!

Ništo un ništo (нет и нет) – un genug (и всё тут: «достаточно»)!

**נאָר מיט איין זון, מיטן מיטלסטן, האָב איך געהאַט אַ ביסל צו טאָן: מײַן שנור האָט אַ צײַט קיין קינדער נישט געהאַט. נישטאָ און נישטאָ – און גענוג!**

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: דאָקטוירים, דער רבי, להבֿדיל דער טאָטער – עס העלפֿט נישט.

Hot zix ongehojbm a sedre (началась история; *אָנהויבן זיך/onhojbm zix – начинаться; אָנהויבן/onhojbm – начинаться; סדרה/sedre – еженедельный отрывок из Торы*): doktojrim (доктора), der rebe (ребе), lehavdl der toter (простите, что рядом помянул, знахарь) – es helft ništ (не помогает; *העלפֿן/helfn – помогать*).

**האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: דאָקטוירים, דער רבי, להבֿדיל דער טאָטער – עס העלפֿט נישט.**

קיצור־הדבר, ס׳איז געבליבן – גטן זיך.

Kicer-hadober (короче говоря; *קיצור/kicer – краткое изложение; конспект*), s’iz geblibm (осталось; *בלײַבן/blajbm – оставаться*) – getn zix (развестись).

**קיצור־הדבר, ס׳איז געבליבן – גטן זיך.**

מילא, גטן זיך – גטן זיך. ס׳איז געקומען צו גטן זיך – ווער?

Mejle (ладно), getn zix (развестись) – getn zix (/так/ развестись). S’iz gekumen cu getn zix (/как/ дошло до развода) – ver (/так/ кто)?

וואָס? זי וויל ניט!

Vos (что)? Zi vil nit (она не хочет; *וועלן/veln – хотеть*)!

**מילא, גטן זיך – גטן זיך. ס'איז געקומען צו גטן זיך – ווער? וואָס? זי וויל ניט!**

וואָס הייסט, זי וויל ניט?

Vos hejst (что значит), zi vil nit (она не хочет)?

זי האָט אים, זאָגט זי, ליב.

Zi hot im (она его), zogt zi (говорит /она/), lib (любит; *ליב האָבן/lib hobm – любить: «милым иметь»*).

טפּש איינער!

Tipeš einer (дурень такой)!

וואָס הערסט דו זי, זאָג איך, וואָס זי האָט דיך ליב?

Vos herst du zi (что ты слушаешь её), zog ix (говорю я), vos zi hot dix lib (что она тебя любит)?

זאָגט ער: "איך האָב זי אויך ליב."

Zogt er (говорит он): "Ix hob zi ojx lib (я тоже её люблю)."

וואָס זאָגט איר אויף דעם חכם?

Vos zogt ir ojf dem xoxem (что скажите вы об этом умнике; *חכם/xoxem – мудрец; умник; дурак /ирон./*)?

איך זאָג אים "קינדער" – זאָגט ער "ליב"!

Ix zog im "kinder" (я говорю ему «дети») – zogt er "lib" (а он говорит «любовь»)!

– וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ לעקיש?

Vos zogt ir ojf aza lekiš (что скажите вы о таком тупице)?

**וואָס הייסט, זי וויל ניט? זי האָט אים, זאָגט זי, ליב. טפּש איינער! וואָס הערסט דו זי, זאָג איך, וואָס זי האָט דיך ליב? זאָגט ער: "איך האָב זי אויך ליב." וואָס זאָגט איר אויף דעם חכם? איך זאָג אים "קינדער" – זאָגט ער "ליב"! – וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ לעקיש?**

קיצור־הדבר, זיי האָבן זיך נישט געגט.

Kicer-hadober (короче говоря), zej hobm zix ništ geget (они не развелись).

און גאָט האָט געהאָלפֿן – שוין אַ יאָר זעקס, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו קינדלען, קינדלט זי וואָס אַ יאָר, וואָס אַ יאָר; שיט מיר אָפּ מיט אייניקלעך!

Un got hot geholfn (и Бог помог) – šojn a jor zeks (уже шесть лет), az zi hot ongehojbm cu kindlen (как она начала рожать), kindelt zi vos a jor, vos a jor (рожает она что ни год); šit mir op mit ejniklex (осыпает меня внуками; *אָפּשיטן/opšitn – осыпать*)!

**קיצור־הדבר, זיי האָבן זיך נישט געגט. און גאָט האָט געהאָלפֿן – שוין אַ יאָר זעקס, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו קינדלען, קינדלט זי וואָס אַ יאָר, וואָס אַ יאָר; שיט מיר אָפּ מיט אייניקלעך!**

איר זאָלט זען בײַ מיר אייניקלעך – אַלע געראָטענע.

Ir zolt zen baj mir ejniklex (вам надо поглядеть у меня на внуков) – ale gerotene (все удачные; *געראָטן/gerotn – удачный; удачливый; способный*).

איינס שענער פֿונעם אַנדערן, אין זייערע פּנימער נישט אַרײַנצוקוקן!

Ejns šener funem andern (один красивее другого; *שיין/šejn – красивый*), in zejere penemer ništ arajncukukn (на их лица не наглядеться; *פּנים/ponem – лицо; אַרײַנקוקן/arajnkukn – заглядывать внутрь; קוקן/kukn – глядеть*)!

איך זאָג אײַך – אַנטיקלעך!

Ix zog ajx (я говорю вам) – antiklex (красавцы)!

**איר זאָלט זען בײַ מיר אייניקלעך – אַלע געראָטענע. איינס שענער פֿונעם אַנדערן, אין זייערע פּנימער נישט אַרײַנצוקוקן! איך זאָג אײַך – אַנטיקלעך!**

הײַנט ווי אַזוי לערנען זיי!

Hajnt vi azoj lernen zej (а как они учатся)!

טאָמער ווילט איר אַ בלאַט גמרא – איז אַ בלאַט גמרא אויסווייניק. פֿון חומש מיט רש״י, מיט תּנ״ך, מיט דקדוק, מיט די אַלע איבעריקע הײַנטיקע שאָלעמויזן שמועסט מען ניט.

Tomer (может) vilt ir a blat gemore (хотите вы страницу Талмуда; *גמרא/gemore – Талмуд, Гемара*) – iz a blat gimore ojsvejnik (есть страница Талмуда наизусть). Fun Xumeš mit Raše (о Торе с /комментариями/ Раши; *חומש/Xumeš – Тора, Пятикнижие Моисеево; רש״י/Raše – Раши /крупнейший средневековый комментатор Талмуда и один из классических комментаторов Танаха*), mit Tanax (со священными писаниями), mit dikdek (с грамматикой), mit di ale iberike hajntike šolemojzn šmuest men nit (со всеми остальными нынешними штучками /даже/ говорить /не приходится: «не говорится»; *הײַנטיק/hajntik – сегодняшний; הײַנט/hajnt – сегодня; שאַלעמויזן/šalemojzn – напевно говорить; петь; שמועסן/šmuesn – беседовать; разговаривать*).

זייער לייענען און זייער שרײַבן ייִדיש און רוסיש און דײַטש און פֿראַנצויזיש, און און און...

Zejer lejnen un zejer šrajbm jidiš (а как они читают и пишут по-еврейски: «их чтение и письмо на идише») un rusiš (по-русски) un dajč (по-немецки) un francojziš (по-французски), un un un (и, и, и = и т.д. и т.п.)...

**הײַנט ווי אַזוי לערנען זיי! טאָמער ווילט איר אַ בלאַט גמרא – איז אַ בלאַט גמרא אויסווייניק. פֿון חומש מיט רש״י, מיט תּנ״ך, מיט דקדוק, מיט די אַלע איבעריקע הײַנטיקע שאָלעמויזן שמועסט מען ניט. זייער לייענען און זייער שרײַבן ייִדיש און רוסיש און דײַטש און פֿראַנצויזיש, און און און...**

אַז איך באַדאַרף אַ מאָל אַ בריוול איבערלייענען, אַן אַדרעס אָנשרײַבן, צי וואָס, – ווערט אַ מלחמה: ״זיידניו, אָט וועל איך!

Az ix badarf a mol a brivl iberlejenen (когда мне нужно иной раз письмо прочесть; *באַדאַרפֿן/badarfn – иметь надобность; מאָל/mol – раз; בריוול/brivl – весточка; בריוו/briv – письмо; איבערלייענען/iberlejenen – прочитать*), az adres

onšrajbm (адрес написать), ci vom (или ещё что), – vert a milxume (начинается война; *װערן/vern – становиться*): “Zejdenju (дедушка; *זיידע/zejde – дед*), ot vel ix (теперь буду я; *װעל/vel – вспомогательный глагол, служащий для образования будущего времени*)!

זיידניו, אָט װעל איך!"

Zejdenju (дедушка), ot vel ix (теперь я)!

**אַז איך באַדאַרף אַ מאָל אַ בריװל איבערלייענען, אַן אַדרעס אָנשרײַבן, צי װאָס, – װערט אַ מלחמה: "זיידניו, אָט װעל איך! זיידניו, אָט װעל איך!"**

אײַ װאָס, איר װעט פֿרעגן "פּרנסה"?

Aj vos (ну что), ir vet fregn (вы спросите), “Parnose (/а/ заработки)”?

עט, פֿאַראַן אַ גרױסער גאָט!

Et (пустяки), faran a grojser got (есть великий Бог)!

ער פֿירט אױס.

Er firt ojs (он /и/ управляется; *אױספֿירן/ojsfirn – выполнять; פֿירן/firn – вести; руководить; управлять*).

אַ מאָל אַזױ, אַ מאָל אַזױ.

A mol azoj (иногда так), a mol azoj (иногда сяк).

אַ מאָל בעסער, אַ מאָל ערגער.

A mol beser (иногда лучше; *גוט/gut – хороший*), a mol erger (иногда хуже; *שלעכט/šlext – плохой*).

מאָלט אײַך, מער ערגער װי בעסער – מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיטן יאָר, אַבי געזונט, װי זאָגט איר.

Molt ajx (представьте себе; *מאָלן/moln – рисовать*), mer erger vi beser (больше хуже, чем лучше) – me mučet zix (мучаешься) un me kumt durx mitn jor (и

перебиваешься: «проходишь через» /целый/ год), abi gezunt (лишь бы здоровым /быть/), vi zogt ir (как говорите вы).

**אַײַ וואָס, איר וועט פֿרעגן "פּרנסה"? עט, פֿאַראַן אַ גרויסער גאָט! ער פֿירט אויס. אַ מאָל אַזוי, אַ מאָל אַזוי. אַ מאָל בעסער, אַ מאָל ערגער. מאָלט אײַך, מער ערגער ווי בעסער – מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיטן יאָר, אַבי געזונט, ווי זאָגט איר.**

מײַן עלטערן זון איז געגאַנגען ניט שלעכט.

Majn elter zun iz gegangen nit šlext (мой старший сын поживал: «шёл» неплохо).

ער איז געזעסן אין אַ דאָרף, אין זלאָדיעווקע איז ער געזעסן, און געהאַט גאַנץ פֿײַן פּרנסה; נאָר אַז ס׳איז אַרויס דער אוקאַז פֿונעם דריטן מײַ, האָט מען אים געבעטן מחילה; האָט ער דאָך מסתּמא געבריהט זיך, געוואָלט אויסווײַזן, אַז ער איז ניט קיין "פּאַסעליוושייסיאָ", געבראַכט פּאַפּירן, אַז ער זיצט דאָרטן נאָך פֿון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט.

Er iz gezesn in a dorf (он жил в деревне; *זיצן/zicn – сидеть; жить*), in Zlodievke iz er gezesn (в Злодеевке он жил), un gehat ganc fajn parnose (и имел довольно приличный доход); nor az s’iz arojs der ukaz funem dritn maj (только когда вышел указ от третьего мая; *אַרויס זײַן/arojs zajn – быть снаружи; выйти*), hot men im gebetn mexile (его попросили /оттуда/ вежливо; *בעטן/betn – просить; מחילה/mexile – прощение; извинение; с позволения сказать*); hot er dox mistome geberjet zix (он же, вероятно, /стал/ ухитряться; *בריהן זיך/berjen zix – ухитряться; умудриться; суметь; בריה/berje – мастер на все руки; искусница*), gevolt ojsvajzn (захотел доказать), az er iz nit kejn “paselivšejsia” (что он никакой не «поселившийся»), gebraxt papirn (принёс бумаги; *ברענגען/brengen – приносить*), az er zict dortn nox fun šešes jemej brešis (что он живёт там ещё со времён: «дней» сотворения мира), derlangt in senat (подал в сенат; *דערלאַנגען/derlangen – подавать; достигать*).

בקיצור, ס׳האָט ניט געהאָלפֿן קיין שמע־ישׂראל, מע האָט אים אַרויסגעטריבן, און ער קאָן נאָך עד היום צו זיך ניט קומען...

Bekicer (короче), s’hot nit geholfn kejn Šma-Jisroel (не помогли никакие ухищрения: «никакой символ веры»; *שמע־ישׂראל/Šma-Jisroel – еврейский символ веры «Слушай, Израиль, Господь Бог наш, Господь один!»; помогите!*), me hot im arojsgetribm (его прогнали; *אַרויסטרײַבן/arojstrajbm – выгнать*), un er kon nox ad hajom cu zix nit kumen (и он не может ещё до сего дня в себя прийти)...

זיצט ער בײַ מיר מיט װײַב און קינדער.

Zict er baj mir mit vajb un kinder (живёт он у меня с женой и детьми).

אַ ברירה האָט מען?

A brejre hot men (/a/ выбор есть: «имеется»)?

**מײַן עלטערן זון איז געגאַנגען ניט שלעכט. ער איז געזעסן אין אַ דאָרף, אין זלאָדיעװוקע איז ער געזעסן, און געהאַט גאַנץ פֿײַן פּרנסה; נאָר אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז פֿונעם דריטן מײַ, האָט מען אים געבעטן מחילה; האָט ער דאָך מסתּמא געבריהט זיך, געװאָלט אויסװײַזן, אַז ער איז ניט קיין "פּאַסעליװושייסיאָ", געבראַכט פּאַפּירן, אַז ער זיצט דאָרטן נאָך פֿון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט. בקיצור, ס'האָט ניט געהאָלפֿן קיין שמע־ישׂראל, מע האָט אים אַרויסגעטריבן, און ער קאָן נאָך עד היום צו זיך ניט קומען... זיצט ער בײַ מיר מיט װײַב און קינדער. אַ ברירה האָט מען?**

און דעם אַנדערן זון מײַנעם גייט נעבעך גלאַט נישט.

Un dem andern zun majnem gejt nebex glat ništ (а второму сыну моему бедняге не везёт: «не идёт гладко»; *נעבעך/nebex – бедолага*).

װאָס ער זאָל ניט טון – איז שלים־שלים־מזל, װי זאָגט איר, "מיט דער פּוטער אַראָפּ".

Vos er zol nit tun (что бы он ни делал) – iz šlim-šlim-mazl (неудача на неудаче: «плохая-плохая удача»), vi zogt ir (как говорится: «говорите вы»), “mit der puter arop (везёт как утопленнику: «маслом вниз»)”.

קויפֿט ער תּבֿואה, װערט אַ זול.

Kojft er tvue (купит он зерна; קויפֿן/kojfn – *покупать*), vert a zol (падают цены: «становится дешевизна»; זול/zol – *дешевизна*).

האַנדלט ער אײַן אָקסן, פּגרען זיי.

Handelt er ajn oksn (закупит он скота: «быков»; *אײַנהאַנדלען/ajnhandlen – скупать; закупать; האַנדלען/handlen – торговать; אָקס/oks – бык; вол*), pejgern zej (дохнет он: «дохнут они»).

רירט ער זיך צו צו וואַלד, איז אַ וואַרעמער ווינטער – אַ בר־מזל!

Rirt er zix cu cu wald (займётся он лесом; *צורירן זיך/curirn zix – коснуться*), iz a varemer vinter (тёплая зима; *וואַרעם/varem – тёплый*) – a bar-mazl (везунчик)!

ער זאָל אַ קוק טאָן אין טײַך, וואָלטן געפּגרט אַלע פֿיש...

Er zol a kuk ton in tajx (загляни: «сделай взгляд» он в реку), voltn gepejgert ale fiš (сдохла бы вся рыба)…

האָב איך מיך מישבֿ געווען און זאָג אים: "ווייסט דו וואָס?

Hob ix mir mejašev geven (покумекал я; *מישבֿ זײַן זיך/mejašev zajn zix – обдумать; посоветоваться /с кем-л./*) un zog im (и говорю ему): “Veist du vos (знаешь что; *וויסן/visn – знать*)?

פּעקל זיך אַריבער מיט ווײַב און קינדער צו מיר. ממה נפֿשך!"...

Pekl zix ariber mit vajb un kinder cu mir (собирай манатки да переезжай с женой и детьми ко мне; *פּעקל/pekl – пачка; тюк; אַריבער/ariber – приставка, соответствующая русской пере-*). Mojm nefšex (проживём: «сколько душа твоя»)!”

**און דעם אַנדערן זון מײַנעם גייט נעבעך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל ניט טון – איז שלים־שלימזל, ווי זאָגט איר, "מיט דער פּוטער אַראָפּ". קויפֿט ער תּבֿואה, ווערט אַ זול. האַנדלט ער אײַן אָקסן, פּגרען זיי. רירט ער זיך צו צו וואַלד, איז אַ וואַרעמער ווינטער – אַ בר־מזל! ער זאָל אַ קוק טאָן אין טײַך, וואָלטן געפּגרט אַלע פֿיש... האָב איך מיך מישבֿ געווען**

**און זאָג אים: "ווייסט דו וואָס? פּעקל זיך אַריבער מיט ווײַב און קינדער צו מיר. ממה נפשך!"...**

דעם דריטן זון מײַנעם איז יאָ געווען נישקשה, איז ער אין דער גרויסער שׂרפֿה, ניט הײַנט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרן, אַרויס ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ גוט פּעקל מיט אַ מסירהלע, מיט אַ סלעדאָוואַטל, מיט צרות, מיט אַ פּריזיוו – פֿרעגט ניט – ס'איז גוט!...

Dem dritn zun majnem iz jo geven niškoše (третьему сыну моему вот жилось: «было» неплохо), iz er in der grojser srejfe (он в большом пожаре), nit hajnt gedaxt (не дай Бог такому повториться = подумать страшно), opgebrent gevorn (погорел: «погоревшим стал»; *אָפּברענען/opbrenen – сгорать; обжигать; загорать*), arojs vi di mame hot im gehat (наружу в чём мать родила /выскочил/), un hot nox gehat ojf zix a gut pekl mit a mesirele (да ещё и натерпелся: «поимел на себе» от кляуз; *מסירהלע/mesirele – ябеда; кляуза; מסירה/mesire – донос*), mit a sledovatl (от следователя), mit cores (от /всяких/ напастей), mit a priziv (от призыва) – fregt nit (не спрашивайте) – s'iz gut (за милу душу: «хорошо»)!...

הײַנט זיצט ער בײַ מיר מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע. וואָס דען?...

Hajnt zict er baj mir mit der gancer xaljastre (теперь живёт он у меня со всей оравой). Vos den (ну и что)?...

**דעם דריטן זון מײַנעם איז יאָ געווען נישקשה, איז ער אין דער גרויסער שׂרפֿה, ניט הײַנט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרן, אַרויס ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ גוט פּעקל מיט אַ מסירהלע, מיט אַ סלעדאָוואַטל, מיט צרות, מיט אַ פּריזיוו – פֿרעגט ניט – ס'איז גוט!... הײַנט זיצט ער בײַ מיר מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע. וואָס דען?...**

נאָר איין קלענערן זון מײַנעם איז, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשהדיק.

Nor ejn klenern zun majnem iz (только одному младшему сыну моему живётся: «есть»; *קליין/klejn – маленький*), kejn ejn-hore (чтоб не сглазить), ganc niškošedik (совсем не худо).

קיין געלט האָט ער ניט, נאָר ער האָט אַ רײַכן שווער.

Kejn gelt hot er nit (никаких денег у него нет), nor er hot a rajxn šver (только = но зато есть у него богатый тесть).

דאָס הייסט, ער איז ניט אַזוי רײַך, ווי אַ בעל־פּרנסה, האָט געשעפֿטן אַ סך, אַ גרויסער דרייער.

Dos hejst (то есть), er iz nit azoj rajx (он не такой богатый), vi a bal-parnose (как /какой-нибудь/ воротила), hot gešeftn a sax (/не то чтобы/ заключал: «имеет» уйму сделок; *געשעפֿט/gešeft – дело; предприятие*), a grojser drejer (большой заправила).

אַ "קרוטין", זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זײַן!

A “krutin (/он –/ плут)”, zol der ojberšter šojmer umacl zajn (сохрани и спаси Всевышний: «да будет Всевышний защитником и спасителем»; *אויבערשטער/ojberšter – Всевышний; שומר/šojmer – охранник; сторож; מציל/macl – спасти*)!

ער דרייט אַזוי לאַנג, ביז ער פֿאַרדרייט אי זיך, אי יענעם.

Er drejt azoj lang (он крутит и крутит: «так долго»; *דרייען/drejen – крутить*), biz er fardrejt i zix (пока не закрутит и себя), i jenem (и других).

נאָר וואָס דען?

Nor vos den (только что тогда)?

ער דרייט זיך אַלע מאָל אויס, דער הונט.

Er drejt zix ale mol ojs (он-то каждый раз выкручивается),der hunt (собака).

ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּטרט אי זײַן געלט, אי די קינדערס געלט.

Er hot šojn nit ejn mol gepatert i zajn gelt (он уж не однажды транжирил и свои деньги; *פּטרן/patern – портить; тратить; губить*), i di kinderes gelt (и деньги детей).

זאָג איך צו אים: "וואָס האָט איר געהאַט צו מײַן זונס געלט?"

Zog ix cu im (говорю я ему): “Vos hot ir gehat cu majn zuns gelt (что вам до моего сына денег)?”

זאָגט ער: "איר האָט עפּעס אַרײַנגעלעגט אַ סך פּוטער?"...

Zogt er (говорит он): “Ir hot epes arajngelegt a sax puter (а много ли там ваших-то: «вы что ли вложили туда кучу масла»)?”...

זאָג איך: "מײַן זון איז מיר דערווײַל אַ קינד".

Zog ix (говорю я): “Majn zun iz mir dervajl a kind (мой сын мне вообще-то /родное/ дитя; *דערווײַל/dervajl – пока что; тем временем*).”

זאָגט ער: און מײַן טאָכטער איז בײַ מיר ניט קיין קינד?"

Zogt er (говорит он): “Un majn toxter iz baj mir nit kejn kind (а моя дочь – мне не родное дитя)?”

זאָג איך: "עט!"

Zog ix (говорю я): “Et (тьфу ты)!”

זאָגט ער: "בע!"

Zogt er (говорит он): “Be (фу ты)!”

זאָג איך: "מילא!"

Zog ix (говорю я): “Mejle (ладно)!”

זאָגט ער: "בקיצור!"

Zogt er (говорит он): “Bekicer (хватит)!”

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט – האָב איך אַוועקגערופֿן מײַן שמוּיגער און זאָג צו אים: "טו אַ שפּײַ, זאָג איך, אויף דײַן שווער דעם נגיד, דעם דרייער, און זען דיך אַוועק בײַ מיר – וואָס גאָט וועט געבן, אַבי אין איינעם"...

A vort far a vort (слово за слово) – hob ix avekgerufn majn šmojger (отозвал я моего младшего; *אַוועקרופֿן/avekrufn – позвать; отозвать*) un zog cu im (и говорю ему): “tu a špaj (плюнь: «сделай плевок»), zog ix (говорю я), ojf dajn šver dem nogid (на твоего тестя-богача), dem drejer (пройдоху), un zec dix avek baj mir (и поселись у меня) – vos got vet gebm (что Бог даст), abi in ejnem (лишь бы рядом: «в одном»)…”

**נאָר איין קלענערן זון מײַנעם איז, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשהדיק. קיין געלט האָט ער ניט, נאָר ער האָט אַ רײַכן שווער. דאָס הייסט, ער איז ניט אַזוי רײַך, ווי אַ בעל־פּרנסה, האָט געשעפּטן אַ סך, אַ גרויסער דרייער. אַ "קרוטין", זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זײַן! ער דרייט אַזוי לאַנג, ביז ער פֿאַרדרייט אי זיך, אי יענעם. נאָר וואָס דען? ער דרייט זיך אַלע מאָל אויס, דער הונט. ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּטרט אי זײַן געלט, אי די קינדערס געלט. זאָג איך צו אים: "וואָס האָט איר געהאַט צו מײַן זונס געלט?" זאָגט ער: "איר האָט עפּעס אַרײַנגעלעגט אַ סך פּוטער?"... זאָג איך: "מײַן זון איז מיר דערווײַל אַ קינד". זאָגט ער: "און מײַן טאָכטער איז בײַ מיר ניט קיין קינד?" זאָג איך: "עט!" זאָגט ער: "בע!" זאָג איך: "מילא!" זאָגט ער: "בקיצור!" אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט – האָב איך אַוועקגערופֿן מײַן שמויגער און זאָג צו אים: "טו אַ שפּײַ, זאָג איך, אויף דײַן שווער דעם נגיד, דעם דרייער, און זעץ דיך אַוועק בײַ מיר – וואָס גאָט וועט געבן, אַבי אין איינעם..."**

זעט איר, צו איידעמס האָב איך גאָר קיין גליק נישט.

Zet ir (видите = знаете ли), cu ejdems hob ix gor kejn glik ništ (с зятьями у меня совсем никакого счастья нет; *גליק/glik – счастье*).

אָבער טאַקע לחלוטין ניט!

Ober take laxlutn nit (вот, в самом деле, нет как нет; *לחלוטין/laxlutn – совсем /с отрицанием/*)!

דאָס הייסט, איך האָב צו זיי קיין טענות ניט, און שעם זיך חלילה נישט מיט זיי, וואָרום איך האָב, מעגט איר מיר גלויבן, אַזעלכע איידעמס, וואָס דער גרעסטער גבֿיר פֿאַרמאָגט זיי ניט.

Dos hejst (то есть), ix hob cu zej kejn tajnes nit (у меня к ним никаких претензий нет; *טענה/tajne – претензия*), un šem zix xolile ništ mit zej (и не

стыжусь я, Боже упаси, их; *שעמען זיך/šemen zix – стыдиться*), vorum ix hob (потому что у меня), megt ir mir glojbm (уж поверьте: «можете мне поверить»; *מעגן/megn – иметь возможность; мочь*), azelxe ejdems (такие зятья), vos der grester gvir farmogt zej nit (что у самого богатого: «большого» богача нет; *פֿאַרמאָגן/farmogn – обладать*).

פֿײַנע קינדער, מיוחסים, פּאַרשוינען, קעפּמענטשן!

Fajne kinder (отличные ребята), mejuxosim (аристократы), paršojnen (персоны), kepmenčn (умницы: «люди с головой»)!

**זעט איר, צו איידעמס האָב איך גאָר קיין גליק נישט. אָבער טאַקע לחלוטין ניט! דאָס הייסט, איך האָב צו זיי קיין טענות ניט, און שעם זיך חלילה נישט מיט זיי, וואָרום איך האָב, מעגט איר מיר גלויבן, אַזעלכע איידעמס, וואָס דער גרעסטער גבֿיר פֿאַרמאָגט זיי ניט. פֿײַנע קינדער, מיוחסים, פּאַרשוינען, קעפּמענטשן!**

איינעם האָב איך אַן איידעם פֿון גאָר אַ גרויסן יחוס, אַ צאַצקעלע, אַ זײַדן קינד, אַ געראָטענער מיט אַלע מעלות און אַ גרויסער למדן, זיצט און לערנט.

Ejnem hob ix an ejdem fun gor a grojsn ixes (один из зятьёв у меня из настоящей: «большой» знати), a cackele (распрекрасный; *צאַצקע/cacke – игрушка; безделушка*), a zajdn kind (отличный: «шёлковый» парень), a gerotener mit ale majles (талантище со всеми достоинствами; *מעלה/majle – достоинство; преимущество*) un a grojser lamdn (и большой эрудит), zict un lernt (сидит и учится).

איך האַלט אים בײַ זיך אויף קעסט פֿון נאָך דער חתונה אָן, וואָרום ווען איר זאָלט אים קענען, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז ס'איז גאָר איין עבֿירה אַרויסצולאָזן אַזעלכס אויף דער וועלט – וואָס וועט פֿון אים ווערן?

Ix halt im baj zix ojf kest fun nox der xasene on (я содержу его: «держу его у себя» на харчах ещё со свадьбы; *האַלטן/haltn – держать; קעסט/kest – харчи; стол; חתונה/hasene – свадьба*), vorum ven ir zolt im kenen (потому что если б вы его знали), volt ir alejn gezogt (вы бы сами сказали), az s'iz gor ajn avejre

arojsculozn azelxes ojf der velt (что это прям-таки грех выпустить такого в мир = из дому; *עֲבֿירה/avejre – грех*) – vos vet fun im vern (что с ним станется)?

**איינעם האָב איך אַן איידעם פֿון גאָר אַ גרויסן יחות, אַ צאַצקעלע, אַ זײַדן קינד, אַ געראָטענער מיט אַלע מעלות און אַ גרויסער למדן, זיצט און לערנט. איך האַלט אים בײַ זיך אויף קעסט פֿון נאָך דער חתונה אָן, וואָרום ווען איר זאָלט אים קענען, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז ס'איז גאָר אײַן עבֿירה אַרויסצולאָזן אַזעלכס אויף דער וועלט – וואָס וועט פֿון אים ווערן?**

דעם אַנדערן איידעם האָב איך שוין נישט אַזאַ יחות, נאָר דאָס קרן איז אָבער אַן אַנטיק, דהיינו: וואָס ווילט איר?

Dem andern ejdem hob ix šojx ništ aza ixes (второй зять у меня уже не такой знатный), nor dos kern iz ober an antik (но вот сам он тот ещё франт; *אַנטיק/antik – щёголь; франт; антиквариат*), dajnu (именно = например): vos vilt ir (что вы хотите)?

שרײַבן, און ליינען, און חשבונען, און זינגען, און טאַנצן, און וואָס ניט?

Šrajbm (писать), un lejnen (и читать), un xešbenen (и вычислять), un zingen (и петь), un tancn (и плясать), un vos nit (и на что /только он/ не /горазд/)?

הײַנט שפּילט ער אין שאַך – אַז מע שמועסט, ער יכלט!

Hajnt špilt er in šax (а как он играет в шахматы; *שפּילן/špiln – играть*) – az me šmuest (как говорится), er joxolt (он мастак)!

פֿון דעסט וועגן, הערט איר, אַז ס'איז ניט באַשערט, ווי זאָגט שלמה המלך: לא לחכמים לחם – אַלע קענערס גייען אָן שטיוול.

Fun dest vegn (и всё же), hert ir (послушайте: «слышите вы»), az s'iz nit bašert (если что не суждено), vi zogt Šlojme hamejlex (как говорит царь Соломон): “Lo lexoxomim lexem (не про мудрецов хлеб: «нет мудрецам хлеба» /*иврит*/) – ale keners gejen an štivl (все учёные ходят без сапог).

איך האָב אים שוין געפּרוּווט אויף אַלע זײַטן: ער איז שוין געווען אַ פּאָסעסער, און אַ קרעמער, און אַ מלמד, און אַ שדכן – עס גייט נישט, כאָטש צערײַס זיך!

Ix hob im šojx gepruvt ojf ale zajtn (я уже испытал его со всех сторон = на все лады; *פּרוּוון/pruvn – испытать*): er iz šojn geven a poseser (он уже был и арендатором), un a kremer (и лавочником), un a melamed (и меламедом */учитель в хедере, начальной еврейской школе для мальчиков/*), un a šadxn (и сватом) – es gejt ništ (не идут дела), xoč cerajs zix (хоть ты тресни)!

זיצט ער איצט בײַ מיר מיט די קינדער.

Zict er ict baj mir mit di kinder (живёт он сейчас у меня с детьми).

איך וועל דאָך מײַן טאָכטער אויף דער גאַס ניט אַרויסוואַרפֿן!

Ix vel dox majn toxter ojf der gas nit arojsvarfn (я же свою дочь на улицу не выброшу; *גאַס/gas – улица*)!

**דעם אַנדערן איידעם האָב איך שוין נישט אַזאַ יחות, נאָר דאָס קרן איז אָבער אַן אַנטיק, דהיינו: וואָס ווילט איר? שרײַבן, און לייגען, און חשבֿונען, און זינגען, און טאַנצן, און וואָס ניט? הײַנט שפּילט ער אין שאַך – אַז מע שמוסט, ער יכלט! פֿון דעסט וועגן, הערט איר, אַז ס׳איז ניט באַשערט, ווי זאָגט שלמה המלך: לא לחכמים לחם – אַלע קענערס גייען אָן שטיוול. איך האָב אים שוין געפּרוּווט אויף אַלע זײַטן: ער איז שוין געווען אַ פּאָסעסער, און אַ קרעמער, און אַ מלמד, און אַ שדכן – עס גייט נישט, כאָטש צערײַס זיך! זיצט ער איצט בײַ מיר מיט די קינדער. איך וועל דאָך מײַן טאָכטער אויף דער גאַס ניט אַרויסוואַרפֿן!**

נאָך איין איידעם האָב איך, שוין נישט אַזאַ גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אבי־ווער.

Nox ejn ejdem hob ix (ещё один зять есть у меня), šojn ništ aza grojser kener (уж не такой учёный), nor ojx ništ kejn abi-ver (но и не абы кто).

דער גוטער קאָפּ מיט דער שיינער האַנט, מיט דעם בלאַט גמרא, מיטן שיינעם פּיסק – אַז ער רעדט, שיטן זיך פּערל, אַ חיות צו הערן!

Der guter kop mit der šejner hant (хорошая голова с прекрасной рукой = почерком), mit dem blat gemore (знаток Талмуда: «с листом Талмуда»), mitn šejnem pisk (язык подвешен: «с прекрасным ртом»; *פּיסק/pisk – писк; рот; пасть*) – az er redt (как заговорит), šitn zix perl (сыплются жемчужины), a xies cu hern (благодать слушать = заслушаешься)!

**נאָך איין איידעם האָב איך, שוין נישט אַזאַ גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אבי־ווער. דער גוטער קאָפּ מיט דער שיינער האַנט, מיט דעם בלאַט גמרא, מיטן שיינעם פּיסק – אַז ער רעדט, שיטן זיך פּערל, אַ חיות צו הערן!**

איין חסרון נאָר, וואָס ער איז צו אַן איידלער, כּמעט אַ רוחניות, דאָס הייסט, ער איז נישט איבעריק געזונט.

Ejn xisorn nor (один недостаток только), vos er iz cu an ejdeler (/то,/ что он слишком нежен) , kimat a ruxonies (почти бесплотный: «духовность»), dos heist 9то есть), er iz ništ iberik gezunt (он не слишком здоровый).

דאָס הייסט, אַפֿילו אַז איר וועט אַ קוק טאָן אויף אים אַזוי, איז ער, דאַכט זיך, גאָר נישט...

Dos hejst (то есть), afile az ir vet a kuk ton ojf im azoj (даже если вы взгляд на него бросите: «сделаете» /так/), iz er (он), daxt zix (кажется: «думается»), gor ništ (совсем ничего = вполне себе ничего)…

נאָר וואָס דען?

Nor vos den (ну и что тогда)?

דאָס וואָס ער שוויצט.

Des vos er švict (а то, что он потеет; *שוויצן/švicn – потеть*).

און דערצו נאָך דער הוסט!

Un dercu nox der hust (а к тому же ещё и кашель)!

פֿון אַ צײַט אַז ער האָט באַקומען אַ פּאַסקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש, און ס'איז אים שווער צו כאַפּן דעם אָטעם.

Fun a cajt az er hot bakumen a paskudne hust mit a min kvič (с некоторых пор у него появился: «он получил» отвратительный: «паскудный» кашель с каким-то визгом), un s'iz im šver cu xapm der otem (и ему трудно перевести: «ловить» дыхание).

דאָקטוירים הייסן אים טרינקען מילך און פֿאָרן קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע.

Doktojrim hejsn im trinken milx (доктора советуют ему пить молоко; *הייסן/hejsn – приказывать; велеть*) un forn kejn Bojberik ojf a dače (и поехать в Бойберик на дачу; *פֿאָרן/forn – ехать*).

אַהין פֿאָרן, זאָגט מען, אַלע קראַנקע.

Ahin forn (туда едут), zogt men (говорят), ale kranke (все больные).

דאָרטן, זאָגט מען, איז פֿאַראַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רפֿואה צום הוסט.

Dortn (там), zogt men (говорят), iz faran a vald azelxer (есть лес такой), vos iz a refue cum hust (что лечит кашель; *רפֿואה/refue – медицина; лекарство*).

רעכן איך, אַז אם ירצה השם, איבער אַ יאָר זומער, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, זיך דורכפֿאָרן מיט אים קיין בויבעריק.

Rexn ix (рассчитываю я), az im jirce hašem (что, даст Бог: «если захочет имя Его» /*иврит*/), iber a jor zumer (летом следующего года), az got vet šenken dos lebn (если Бог /нам/ дарует /долгую/ жизнь), zix durxforn mit im kejn Bojberik (проехаться с ним в Бойберик).

דערווײַל, ביז ער וועט אַ מאָל ווערן געזונט, ליגט ער מיטן ווײַב און קינדער, געוויינטלעך, אויף מײַנע פּלייצעס.

Dervajl (а пока), biz er vet a mol vern gezunt (пока он не выздоровеет), ligt er mitn vajb un kinder (сидит: «лежит» он с женой и детьми), gevejntlex (по привычке), ojf mejne plejces (на моей шее: «у меня на плечах»).

עפּעס אַ תּירוץ?

Epes a terec (ведь не откажешь; *תּירוץ/terec – отговорка; повод*)?

**איין חסרון נאָר, וואָס ער איז צו אַן איידלער, כּמעט אַ רוחניות, דאָס הייסט, ער איז נישט איבעריק געזונט. דאָס הייסט, אפֿילו אַז איר וועט אַ קוק טאָן אויף אים אַזוי, איז ער, דאַכט זיך, גאָר נישט... נאָר וואָס דען? דאָס וואָס ער שוויצט. און דערצו נאָך דער הוסט! פֿון אַ צײַט אַז ער האָט באַקומען אַ פּאַסקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש, און ס'איז אים שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. דאָקטוירים הייסן אים טרינקען מילך און פֿאָרן קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע. אַהין**

**פֿאָרן, זאָגט מען, אַלע קראַנקע. דאָרטן, זאָגט מען, איז פֿאַראַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רפֿואה צום הוסט. רעכן איך, אַז אם ירצה השם, איבער אַ יאָר זומער, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, זיך דורכפֿאָרן מיט אים קיין בויבעריק. דערווײַל, ביז ער וועט אַ מאָל ווערן געזונט, ליגט ער מיטן ווײַב און קינדער, געוויינטלעך, אויף מײַנע פּלייצעס. עפּעס אַ תּירוץ?**

הײַנט האָב איך נאָך איין איידעם, שוין גאָר אַ פּראָסטן, נאָר אַ האָרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין בעל־מלאכה, נישט קיין שנײַדער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין חדר־ייִנגל אויך ניט.

Hajnt hob ix nox ejn ejdem (ну, есть у меня ещё один зять), šojx gor a prostn (уже совсем простой), nor a horepašnem jung (но работящий парень), dos hejst (то есть), xolile ništ kejn bal-meloxe (упаси Бог, не ремесленник), ništ kejn šnajder (не портной), ništ kejn šoster (не сапожник), nor kejn xejder-jingl ojx nit (но и не шибко грамотный: «не ученик хедера» тоже).

**הײַנט האָב איך נאָך איין איידעם, שוין גאָר אַ פּראָסטן, נאָר אַ האָרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין בעל־מלאכה, נישט קיין שנײַדער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין חדר־ייִנגל אויך ניט.**

ער איז אַ "פֿיליער" איז ער; ער האַנדלט מיט פֿיש האַנדלט ער.

Er iz a “filjer” (он рыбник) iz er (вот он кто: «есть он»); er handelt mit fiš (он торгует рыбой) handelt er (вот так: «торгует он»).

זײַן טאַטע האַנדלט מיט פֿיש, זײַן זיידע האָט געהאַנדלט מיט פֿיש, די גאַנצע משפּחה זייערע ווייסן – נאָר פֿיש און נאָר פֿיש און נאָר פֿיש!

Zajn tate handelt mit fiš (его отец торгует рыбой), zajn zejde hot gehandelt mit fiš (его дед торговал рыбой), di gance mišpoxe zejere vejsn (вся семья их только и знает; *משפחה/mišpoxe – семья*) – nor fiš un nor fiš un nor fiš (только рыба и только рыба, и только рыба)!

**ער איז אַ "פֿיליער" איז ער; ער האַנדלט מיט פֿיש האַנדלט ער. זײַן טאַטע האַנדלט מיט פֿיש, זײַן זיידע האָט געהאַנדלט מיט פֿיש, די גאַנצע משפּחה זייערע ווייסן – נאָר פֿיש און נאָר פֿיש און נאָר פֿיש!**

דאָס הייסט, זיי זענען אפֿילו גאַנץ ערלעכע ייִדן, אָרנטלעכע, נאָר פּראָסטע מענטשלעך.

Dos hejst (то есть), zej zenen afile ganc erlexe jidn (они, впрочем, очень честные люди: «евреи»), orntlexe (порядочные), nor proste menčlex (но простоватые /люди/).

**דאָס הייסט, זיי זענען אפֿילו גאַנץ ערלעכע ייִדן, אָרנטלעכע, נאָר פּראָסטע מענטשלעך.**

וועט איר דאָך פֿרעגן: ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם?

Vet ir dox fregn (вы же спросите): vi kumt cu mir aza ejdem (откуда взялся: «как приходит» у меня такой зять)?

מסתּמא איז דרינען פֿאַראַן אַ מעשׂה, ווי זאָגט מען: אין אַ טײַך וואַרפֿן זיך דורך אַלערליי העכט.

Mistome (конечно) iz drinen faran a majse (/и тут/ есть история), vi zogt men (как говорится): in a tajx varfn zix durx alerlej hext (в реку бросается = в реке водится всякая щука).

מסתּמא איז מײַן טאָכטערס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבן אַזאַ מאַן.

Mistome iz majn toxters glik azoj (видать, у моей дочери счастье такое), az zi badarf hobm aza man (что ей попался: «что она должна иметь» такой муж).

**וועט איר דאָך פֿרעגן: ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם? מסתּמא איז דרינען פֿאַראַן אַ מעשׂה, ווי זאָגט מען: אין אַ טײַך וואַרפֿן זיך דורך אַלערליי העכט. מסתּמא איז מײַן טאָכטערס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבן אַזאַ מאַן.**

דאָס הייסט, האָבן האָב איך צו אים גאָרניט; מײַן טאָכטער לעבט פֿאַר אים דווקא גליקלעך.

Dos hejst (то есть), hobm hob ix cu im gornit (упрекнуть мне его не чем: «иметь не имею я к нему совсем»); majn toxter lebt far im dafke gliklex (моя дочь живёт с ним /как раз/ счастливо).

וואָרום בטבֿע איז ער דווקא אַ גוט מענטשל, אַ דימענט, צוגעלאָזט, הערט איר, צו אונדז אַלעמען ביז גאָר, וויפֿל ער פֿאַרדינט גיט ער אָפּ איר, און העלפֿט אויס יענע איידעמס מײַנע און די זין ווי ווײַט מעגלעך.

Vorum beteve iz er davke a gut menčl (потому что по природе своей он, правда, хороший человечек), a diment (алмаз), cugelozn (привязан), hert ir (слышите

вы), cu undz alemen biz gor (к нам всем сильно), vifl er fardint (сколько зарабатывает) git er op ir (отдаёт ей; *אָפּגעבן/opgebm – отдать; געבן/gebm – дать*), un helft ojs jene ejdems mejne un di zin (и помогает остальным зятьям моим и сыновьям) vi vajt meglex (насколько: «как далеко» возможно).

וואָס איז שײַך צו זאָגן?

Vos iz šajex cu zogn (что тут вообще говорить)?

ער האָרעוועט כמעט אין גאַנצן אויף אונדז, און האָט פֿאַר אונדז אַלעמען דרך־ארץ.

Er horevet kimat in gancn ojf undz (он работает почти только: «в целом» на нас; *האָרעווען/horeven – трудиться, тяжело работать*), un hot far undz alemen derxerec (и имеет к нам всем уважение).

וואָרום ער ווייסט גאַנץ גוט, ער פֿילט, פֿאַרשטייט איר מיך, ווער ער איז און ווער מיר זענען; ער איז ער און מיר זענען פֿאָרט מיר!

Vorum er vejst ganc gut (потому что знает он прекрасно), er filt (он чувствует; *פֿילן/filn – чувствовать*), varštejt ir mix (понимаете вы меня; *פֿאַרשטיין/farštejn – понять*), ver er iz (кто он есть) un ver mir zenen (и кто мы есть); er iz er (он есть он) un mir zenen fort mir (а мы это всё ж таки мы)!

מיט דער האַנט, הערט איר, קען מען דאָס ניט אַוועקמאַכן.

Mit der hant (рукой), hert ir (слышите вы), ken men dos nit avekmaxen (от этого не отмахнёшься: «не можешь отделаться»).

**דאָס הייסט, האָבן האָב איך צו אים גאָרניט; מײַן טאָכטער לעבט פֿאַר אים דווקא גליקלעך. וואָרום בטבֿע איז ער דווקא אַ גוט מענטשל, אַ דימענט, צוגעלאָזט, הערט איר, צו אונדז אַלעמען ביז גאָר, וויפֿל ער פֿאַרדינט גיט ער אָפּ איר, און העלפֿט אויס יענע איידעמס מײַנע און די זין ווי ווײַט מעגלעך. וואָס איז שײַך צו זאָגן? ער האָרעוועט כמעט אין גאַנצן אויף אונדז, און האָט פֿאַר אונדז אַלעמען דרך־ארץ. וואָרום ער ווייסט גאַנץ גוט, ער פֿילט, פֿאַרשטייט איר מיך, ווער ער איז און ווער מיר זענען; ער איז ער און מיר זענען פֿאָרט מיר! מיט דער האַנט, הערט איר, קען מען דאָס ניט אַוועקמאַכן.**

וואָרום אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל, מע קומט זיך צונויף צווישן מענטשן, און מײַנע קינדער מאַכן אַ שמועס מכח די קליינע אותיות, עפּעס אַ דין אין שלחן־ערוך, צי אַ שאַרף שטיקל גמרה, צי גלאַט אַ פּסוק, מוז ער נעבעך זיצן און שטומען, וואָרום ס'איז פֿאַר אים, ניט דאָ געדאַכט, אַ סוד!

Vorum az es maxt zix a mol (потому что бывает: «делается» иной раз), me kumt zix cunojf cvišn menčn (приходят к нам люди), un majne kinder maxn a šmues mikeax di klejne ojsies (и мои дети ведут беседу о всяких умных вещах: «о маленьких буквах»; *אות/os – буква*), epes a din in Šulxn-Orex (/о/ каком-нибудь законе из Шулхан Аруха */кодекс практических положений Устного Закона/*), ci a šarf štikl gemore (или о /каком/ мудрёном месте: «остром кусочке» в Талмуде), ci glat a posek (или просто о /каком/ библейском стихе), muz er nebex zicn un štumen (приходится ему: «должен он» бедняге сидеть и молчать; *מוזן/muzn – быть обязанным*), vorum s'iz far im (потому что для него это), nit do gedaxt (не про вас будет сказано), a sod (тёмный лес: «тайна»)!

**וואָרום אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל, מע קומט זיך צונויף צווישן מענטשן, און מײַנע קינדער מאַכן אַ שמועס מכח די קליינע אותיות, עפּעס אַ דין אין שלחן־ערוך, צי אַ שאַרף שטיקל גמרה, צי גלאַט אַ פּסוק, מוז ער נעבעך זיצן און שטומען, וואָרום ס'איז פֿאַר אים, ניט דאָ געדאַכט, אַ סוד!**

אוודאי מעג ער זיך איבערנעמען, וואָס ער האָט אַזוינע שוואָגערס, און מעג האָרעווען פֿון זייערטוועגן!

Avade (конечно) meg er zix ibernemen (должен он гордиться), vos er hot azojne švogers (что у него такие свояки), un meg horeven fun zejertvegn (и должен трудиться на их благо)!

ווי זאָגט איר?

Vi zogt ir (как скажете)?

ניט אַזוי? האַ?

Nit azoj (не так)? Ha (а)?

**אוודאי מעג ער זיך איבערנעמען, וואָס ער האָט אַזוינע שוואָגערס, און מעג האָרעווען פֿון זייערטוועגן! ווי זאָגט איר? ניט אַזוי? האַ?**

אַצינד, אַז איר זענט שוין אַ ביסל באַקאַנט מיט מײַן געזינדל, פֿאַרשטייט איר שוין וואָס פֿאַר אַ שׂמחה בײַ מיר איז און וואָס פֿאַר אַ נחת איך האָב, אַז עס קומט אַ יום־טובֿ, למשל, פּורים צו דער סעודה, און אַלע קינדער מיט אַלע אייניקלעך, קיין עין־הרע, זעצן זיך אויס אַרום טיש, און מע מאַכט המוציא איבער דעם שיינעם גרויסן קלוגן פּורים־קוילעטש, וואָס מיט זאַפֿראַן און מיט ראָזשינקעס אַרומגעשטעקט, מיט די גוטע געפֿעפֿערטע און געצוקערטע פֿיש מיט כריין, מיט די גוטע געלע לאַנגע לאָקשן מיט יויך, און מע נעמט צו קאַפּלעך משקה, אַז גאָט העלפֿט אַ פֿלעשל ווימאָראָזיג, אַן אמתער אַ "קאָוועשאַנער", אָדער אַ גלעזעלע גוטן ווישניק, אַבי ס'איז נאָר דאָ, און פֿאַר נויט – איז אַ פּראָסט ביסל יש אויך אַ סחורה, און מע טוט אַ זינג, איך דעם שושנת יעקבֿ, און נאָך אַ מאָל – שושנת יעקבֿ!

און ווידער אַ מאָל – שושנת יעקבֿ! טוען אַ כאַפּ־אונטער די קינדער: צהלה ושׂמחה!

Acind (теперь), az ir zent šojn a bisl bakant mit majn gezindl (когда вы уже немного знакомы с моей семейкой; *גזינד/gezind – семья; домашние; семейство*), farštejt ir šojn (понимаете вы уже) vos far a simxe baj mir iz (какое счастье у меня есть) un vos far a naxes ix hob (и какую радость я имею = как я рад), az es kumt a jontev (когда приходит праздник), lemošl (например), Purim cu der sude (Пурим с его трапезой), un ale kinder mit ale ejniklex (и все дети со всеми внуками), kejn ejn-hore (чтоб не сглазить), zecn zix ojs arum tiš (садятся все вместе вокруг стола), un me maxt hamojce iber dem šejnem grojsn klugn Purim-kojleč (и совершается молитва над прекрасным, большим, затейливым праздничным калачом: «калачом Пурима»; *המוציא/hamojce – благословление на хлеб; קלוג/klug – умный*), vos mit zafran un mit rožinkes arumgeštekt (что шафраном и изюмом сдобрен: «утыкан»), mit di gute gefeferte un gecukerte fiš mit xrejn (с вкуснейшей: «хорошей» наперченной и подсахаренной рыбой с хреном; *פֿעפֿערן/fefern – перчить; פֿעפֿער/fefer – перец; צוקערן/cukern – подсластить /сахаром/; צוקער/cuker – сахар*), mit di gute gele lange lokšn mit joix (с замечательной жёлтой длинной лапшой с бульоном), un me nemt cu kaplex maške (и выпивается по капельке /живительного/ напитка; *משקה/maške – водка; самогон*), az got helft a flešl vimorozig (если Бог пошлёт: «поможет»

бутылочку выморозков), an emiser a “kovešaner” (настоящих «бессарабских»), oder a glezele gutn višnik (или по рюмочке доброй вишнёвки), abi s’iz nor do (лишь бы была она), un far nojt (и, в крайнем случае: «по нужде») – iz a prost bisl jaš ojx a sxojre (просто немного водочки тоже сойдёт: «тоже товар»; *יש/jaš – водка*), un me tut a zing (и запели: «делают пение»), ix dem Šošanes Jakev (я – «Розу Якова» /*еврейская песенная молитва, исполняемая в Пурим*/), un nox a mol – Šošanes Jakev (и ещё раз «Розу Якова»)! Un vider a mol – Šošanes Jakev (и снова «Розу Якова»)! Tuen a xap-unter di kinder (подхватывают: «делают подхват» дети; *כאַפּ/xap – цап /междометие/; пожатие /руки/; объятие*): cohale vesomejxe (возвеселитесь и возрадуйтесь /*иврит, из книги Эстер*/)!

**אַצינד, אַז איר זענט שוין אַ ביסל באַקאַנט מיט מײַן געזינדל, פֿאַרשטייט איר שוין וואָס פֿאַר אַ שׂמחה בײַ מיר איז און וואָס פֿאַר אַ נחת איך האָב, אַז עס קומט אַ יום־טובֿ, למשל, פּורים צו דער סעודה, און אַלע קינדער מיט אַלע אייניקלעך, קיין עין־הרע, זעצן זיך אויס אַרום טיש, און מע מאַכט המוציא איבער דעם שיינעם גרויסן קלוגן פּורים־קוילעטש, וואָס מיט זאַפֿראַן און מיט ראָזשינקעס אַרומגעשטעקט, מיט די גוטע געפֿעפֿערטע און געצוקערטע פֿיש מיט כריין, מיט די גוטע געלע לאַנגע לאָקשן מיט יויך, און מע נעמט צו קאַפּלעך משקה, אַז גאָט העלפֿט אַ פֿלעשל ווימאָראָזיג, אַן אמתער אַ "קאָוועשאַנער", אָדער אַ גלעזעלע גוטן ווישניק, אַבי ס'איז נאָר דאָ, און פֿאַר נויט – איז אַ פּראָסט ביסל יש אויך אַ סחורה, און מע טוט אַ זינג, איך דעם שושנת יעקבֿ, און נאָך אַ מאָל – שושנת יעקבֿ! און ווידער אַ מאָל – שושנת יעקבֿ! טוען אַ כאַפּ־אונטער די קינדער: צהלה ושׂמחה!**

און די קליינע שקצים, די אייניקלעך, אויפֿן דינעם קולכל: אור ליהודעם!

Un di klejne škocim (а маленькие сорванцы), di ejniklex (внуки), ojfn dinem kelxul (тоненькими голосками; *דין/din – тонкий; קאָל/kol – голос*): or lajudiim (Свет людям: «иудеям»)!

אור ליהודעם!

Or lajudiim (Свет людям)!

אור ליהודעם!

Or lajudiim (Свет людям)!

און מע גייט נאָך אַ טענצל אויך, – דעמאָלט ווער איז צו מיר גלײַך?

Un me gejt nox a tencl ojx (да ещё и в пляс пускаемся: «идём» тоже) , – demolt ver iz cu mir glajx (тогда кто мне ровня)?

וואָס מיר בראָצקי?

Vos mir Brocki (что мне Бродский)?

ווער מיר רויטשילד?

Ver mir Rojčild (кто мне Ротшильд)?

אַ מלך, ווי איר זעט מיר אַ ייִדן, אַ מלך!

A mejlex (король), vi ir zet mir a jidn (как вы видите меня, люди = ни больше ни меньше), a mejlex (король)!

**און די קליינע שקצים, די אייניקלעך, אויפֿן דינעם קולכל: אור ליהודעם! אור ליהודעם! און מע גייט נאָך אַ טענצל אויך, – דעמאָלט ווער איז צו מיר גלײַך? וואָס מיר בראָצקי? ווער מיר רויטשילד? אַ מלך, ווי איר זעט מיר אַ ייִדן, אַ מלך!**

קיין נגיד, הערט איר, בין איך ניט, נאָר נחת פֿון קינדער האָב איך, ברוך־השם, מער פֿונעם גרעסטן גבֿיר אין כּסרילעווקע!

Kejn nogid (никаким богачом), hert ir (слышите вы), bin ix nit (не являюсь я), nor naxes fun kinder hob ix (только родительских радостей у меня), borhašem (слава Богу), mer fanem grestn gvir in Kasrilevke (больше, чем у самого богатого богача в Касриловке)!

**קיין נגיד, הערט איר, בין איך ניט, נאָר נחת פֿון קינדער האָב איך, ברוך־השם, מער פֿונעם גרעסטן גבֿיר אין כּסרילעווקע!**

Здесь только небольшой фрагмент книги.

Полный текст книги Вы можете приобрести на сайте http://www.franklang.ru

в разделе «Тексты на идиш, адаптированные по методу чтения Ильи Франка»